פערלאג: „דער האמער“, קיעוו.

Юрьевская Еврейская библіотека имени Д-ра Я. А. Эйгеса №718

ל. בערלינרויט
(ארסקי.)

# די מלחמה און דער יודישער ארבייטער אין פאלעסטינא.

דרוק פון די יורשים י. שענפעלד קיעוו, אלקסאנדראוועוער פלאץ 10. טעל. 16-24

# די מלחמה און דער יודישער ארבייטער אין פאלעסטינא.

> דער סאָציאליזם, ווערענדיג א פאקטאָר פון קאָלאניזאציע, בעדארף אויך צו ווערען יענע קראפט, וואס וועט פאראייניגען דעם יודישען פראָלעטאריאט, און ברענגען איהם צו נייע פאָרמען פון ארבייט און לעבען.
>
> „האחדות".

די צוויי יאהר פון דער מלחמה האבען אריינגעבראכט א גרויסע צושטערונג אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון די קעמפפענדע מליכות. מיט א בעזונדער צאָרן האָבען זיך די רעזולטאטען פון דער אלוועלטליכער מלחמה ארויסגעוויזען אינ׳ם פאלעסטינער ישוב, וואָס איהר ווירטשאפט האָט זיך אקארשט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען.

פאלעסטינא איז געווען ענג פארבונדען מיט די אויסלענדישע, דערהויפט אייראָפּע׳אישע מערק, אריינפיהרענדיג אהין דערהויפט לאנדווירטשאפטליכע פּראָדוקטען. אנהויב מלחמה — איז פאלעסטינא, ווי אָפּגעשניטען געווארען פון דער וועלט; דער דאָזיגער מצב האָט געבראכט דערצו, אז דער אזוי אויך אָרעמער, קוים בעוועגליכער מסחר פונ׳ם לאנד האָט זיך איצט אינגאנצען אָפּגעשטעלט.

גלייכצייטיג מיט דעם ארויספיהר (עקספּאָרט) האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דער אריינפיהר (אימפּאָרט) פון די נויטיגסטע לעבענס-פּראָדוקטען; עס זענען איבערגעריסען געוואָרען אלע קרעדיט-אָפּעראציעס, מחמת די טערקישע מאכט האָט זיך צוגעאיילט און פלוצים צוגעמאכט דעם ענגליש-פאלעסטינישען באנק. דאס אלץ צוזאמענגענומען, דערצו נאָך די הייסעריקען-אנשיקעניש, וואָס האָט א תל געמאכט פון א גרויסען טייל פלאנצונגען אין די פלאנטאציעס — האָט געבראכט צו א שווערען עקאָנאָמישען קריזיס אין לאנד.

דאָס מערסטע טייל קאָלאָניסטען האָבען געמוזט, מחמת מאנגעל אין מיטלען, אָפּשטעלען בכלל די בעארבייטונג פון די גערטענער און פעלדער, וואָס עס האָט לסוף געבראכט צו א שווערער ארבייטסלאָזיגקייט.

ווי געוועהנליך, ביי אזעלכע אומשטענדען, זיינען די פרייזען פון די נויטיגסטע לעבענס-פראָדוקטען געוואָרען זעהער טייער. למשל, צום סוף פון 1915 יאהר איז די פרייז אויף מעהל מיט 133% טייערער געוואָרען, נאפט מיט 600%, און צוקער מיט גאנצע 1000% טייערער. און ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט די מלוכה איהרע בעשטייערונגען געמאָהנט אויפ'ן שטרענגסטען אופן. די בעפעלקערונג איז דאָס רוב מאָהל צוגעצוויגען געווארען פון דער מיליטער-מאַכט צו פארשיידענארטיגע געזעלשאפטליכע ארבייטען; אין די יודישע קאָלאָניעס האָט מען פעריאדיש רעקווירט די פערד און די מויל-אייזלען.

אמת, א דייהע לענדער זיינען געקומען פאלעסטינא צו הילף; דער עיקר — אמעריקא, וועלכער ס'איז געלונגען אויסצופועל'ן אנ'ערלויבעניש ארייינצופיהרען אין לאנד אויסלענדישע דאמפפער-שיפען אנגעלאדען מיט פראָדוקטען. בייםלעבוויז אָבער איז דער צופלוס פון שטיצע געפאלען ביז א מינימום, ווי עס איז צו זעהן פון די פובליקירטע בעריכטען אין דער יודישער פרעסע; און ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס אזא רייכע אָרגאניזאציע, ווי „Iewisch (I. C. A.) Colonisation Association" האָט צוליעב'ן מאנגעל אין מיטלען, ניט געהאט די מעגליכקייט אויסצוצאָהלען שכירות איהר'ע בעאמטע, זי האָט געמוזט אויך אויפהערען צו סובסידירען די שול'ען, די אנשטאלטען פון מעדיצינישער הילף א. א. וו.

בעזונדערס האָט געליטען פון דער ארבייטס-לאָזיגקייט און דעם יקרות דער ארבייטער-קלאַס. דאָס רוב קאָלאָניסטען האָט געהאט מעהר וועהניגער עסענוואַרג פאר זיך, און פאַשע פאר די פיה. ביי די הענדלער זיינען אויך געוועזען צו'ם אָנהויב אויסגעננעבליבענע סחורות, וועלכע זיי האָבען שפעטער פארקויפט מיט א גרויסען ריוח. די ארבייטער זיינען אָבער געבליבען אין דער גרעסטער נויט. פאר שוסטער, בלעכער, טיילווייז שניידער איז נאָך ווען ניט ווען צוגעפאלען א ביסעל ארבייט, וואָס האָט געשאפען די מעגליכקייט צו דערהאלטען דאָס חיות; די אנדערע מינים בעלי-מלאכות — וואָס זיינען פריהער זעלטען געוועזען ארבייטס-לאָז, צו'ם ביישפיל: שטיינהאקער, טשעסלער, מאַליאַרעס און אלע אנדערע קאטעגאָריען פון בוי-ארבייטער (א היבשע צאָהל פון זיי, וואָס האָבען געלעבט אין יפו און חיפו) זיינען געבליבען מיט זייערע משפחות אָהן א שטיקעל ברויט ממש.

אין אזא מעמד, אויב ניט אין נאָך אנ'ערגערן, זיינען געבליבען די יודישע ארבייטער אין די קאלאָניעס. אין די פריהערדיגע יאָהרען איז געוועזען א גרויסע בעדערפעניש אין ארבייטער-הענט, בעת'ן קלייבען, סאָרטירען, און פאַקען די

מאראנצען; איצטער, אין דער צייט, ווען פון די פלאנטאציעס איז א תל געוואָרען, צוליב דער היישעריקען־אנשיקעניש, האָבען די קאָלאָניסטען אליין מיט זייערע משפחות די אלע ארבייטען אָפּגעטאָן און די ארבייטער איז אויסגעקומען בלא גוזמא, צו הונגערן.

„דאָס דערנעהרען זיך פון די ארבייטער — לייענען מיר אין איינער פון די ידיעות פון פאלעסטינא — באשטעהט פון כעבלאך, אדער לינדזען־קרופניק, אָהן ברויט, אָהן עפּיס דערצו, כדי דאָס עסען צו פטעמ׳ען. עס טרעפט זיך אָפט, אז עס קומט אוים צו ארבייטען איין טאָג אָדער צוויי אין משך פון א גאנצער וואָך ניט געעסענערהייט, און ליידענדיג הונגער, זיינען זיי ניט בכח ארויסצוגעהן צו דער ארבייט. גאָר א קליינע צאָהל קאָלאָניסטען האָט די מעגליכקייט צו בעצאָהלען פאר דער ארבייט במזומנים; און די באַנען, מיט וועלכע מען צאָהלט אוים געוועהנליך, האָבען בכלל פארלאָרען דעם ווערט אין דעם גאנג אין די קראָמען."

אין אנ׳אנדער ידיעה דערצעהלט זיך, אז „די ארבייטער בעקומען ניט קיין שום סובסידיען פון די געזעלשאפטען, וואָס האָבען זיך מתחייב געווען, אָנהויב מלחמה, צו שאפען פאר זיי ארבייט", און אז די קליינע סומען געלד, וואָס זיינען אסיגנירט געוואָרען אויף געזעלשאפטליכע ארבייטען, האָבען זיך אויסגעלאָזען.

די ארבייטסלאָזיגקייט, דער יקרות וואָס האָט זיך מיט דער גאנצער קראפט און משא ארויפגעלעגט אויף דער ארבייטער־באפעלקערונג פון פאלעסטינא, האָט זיך נאָך פארערגערט פון די שווערע פּאָליטישע בעדינגונגען; די טערקישע רעגירונג האָט זיך אָנגענומען אויסצוראָטען און דערשטיקען די יונגע יודישע ארבייטער־אָרגאניזאציע, וואָס איז דער אוואנגארד, דער ראש פון דער יודישער קאָלאָניזאציע אין פאלעסטינא, און אויך דער איינציגער דירכפיהרער פון די סאָציאליסטישע אידעען אינ׳ם לאַנד.

וואס זשע האבען די יודישע ארבייטער געטאן צו פארלייכטערן דעם קריזיס? און וואָס, בעצם, האָט זיך אויסגעדריקט זייער זעלבסטטעטיגקייט און פּראָלעטארישער סאלידאריטעט?

אויף וויפיעל עס האנדעלט זיך מכּח די אויסלענדישע ארגאניזאציעס, וואס די מלחמה האט זיי אפגעשניטען פון פאלעסטינא, און וואס זענען ניט געווען ביכולת אונטערצוהאלטען וועלכע ס׳איז פארבינדונגען מיט די פאלעסטינער ארבייטער, האבען—א חוץ די אמעריקאנער פועלי ציון—גארנישט אויפגעטאן אין דעם פרט. די קליינע סומען געלט, וואס זיינען פאר דער גאנצער צייט פון דער מלחמה איבערגעשיקט געווארען דעם פאלעסטינער ארבייטער־פאנד

קענען אין חשבון ניט גענומען ווערען. אויב מיר זאלען אבער די זעלבע פראגען שטעלען בנוגע די יודישע ארבייטער-ארגאניזאציעס אין פאלעסטינע גופא, קענען מיר ענטשלאסען און דרייסט פאר זיי אפענטפערען אז אלץ, וואס עס האט זיך נאר אן זיי געווענדט, אז אלץ, וואס זיי זענען בכח געווען אויסצופיהרען און אויפטאן אין דער ריכטונג—האבען זייא געטאן.

נאך פאר דער מלחמה האבען אין פאלעסטינא עקזיסטירט פראפעסיאנעלע פערבאנדען פון סטאליערס, שוסטער, שניידער, בוי-ארבייטער וכדומה. אין יפו, אין ירושלים און אין אייניגע קאלאניעס האבען פונקציאנירט ארבייטער-קלובען, עס האט עקזיסטירט דער פערבאנד פון דער יודישער יוגענד — „השומר"; אליין פון זיך געשאפען, וועלכער איז געווען אנגעזאפט פון פאלעסטינער גרונד, איהר האלב אגרארער קולטור, און איז געשטאנען אויף דער וואך פונ'ם כבוד און עתיד פון דער יודישער קאלאניזאציע. דעם אכטען יאהר האט שוין עקזיסטירט די ערשטע סאציאל-דעמאקראטישע ארבייטער-פארטיי אין טערקיי, וואס האט פעראייניגט די מעהר בעוואוסטזיניגערע עלעמענטען פון די יודישע ארבייטער-מאסען.

גיך נאך דעם ווי די מלחמה איז אויסגעבראכען, האט די טערקישע רעגירונג אנגעהויבען צו פארפאלגען מיט כל המיני מיטלען די אקטיווע טוער פונ'ם ציוניזם, און די מנהיגים פון דער ארבייטער-בעוועגונג.

די גרעסטע טייל פון די ארבייטער-פיהרער האט מען פאראורטיילט פאר זייער אנטיילנעהמען אין דעם עפענטליכען פארטייא'שען צוזאמענפאהר אינ'ם 1910 יאהר, און אויף'ן אדמיניסטראטיווען אופן האט מען זיי פארשיקט אין די ווייטע פראווינצען. די מיליטערישע מאכט האט פארארדענט גלייכצייטיג פונאנדערצולאזען דעם „השומר" און צונעהמען ביי זיינע מיטגלידער דאס געוועהר.

באזונדערס, אויסערגעוועהנליך שווערע פארפאלגונגען איז אויסגעפאלען אויף'ן גורל פון די ארבייטער, וועלכע האבען זיך גרופירט ארום דעם יודישען סאציאליסטישען ארגאן—„האחדות". אין סאמע אנהויב מלחמה איז דער דאזיגער זשורנאל פארמאכט געווארען, דער רעדאקטאר און אייניגע מיטארבייטער זענען פארמשפט געווארען—טייל צו תפיסה, טייל—צו פארשיקונג. ניט וועלענדיג, אז אין אזא פאראנטווארטליכען מאמענט זאל אנטשווינגען ווערען דאס לעבעדיגע ווארט פון דעם יודישען ארבייטער, האבען די פריי-איבערגעבליבענע בעשלאסען ארויסצוגעבען קליינע זאמעל-ביכלאך. זיי האבען אבער געהאט דעם זעלבען ביטערען מזל פון דעם „האחדות": ווי נאר דאס צווייטע זאמעלביכעל

האָט די ליכטיגע וועלט דערזעהן, איז די גאַנצע רעדאַקציע איבערגעגעבען געוואָרען, — לויט דער פאָראָרדענונג פונ׳ם הויפּט־קאָמאַנדיר דזשעמאַל־פּאַשאַ צו דעם מיליטערישען געריכט. דער רעדאַקטאָר פון די זאַמלונגען, דער אַרבּייטער־שריפטשטעלער — זרובבל, וועלכער איז פון פריהער נאָך, פאַר׳ן אנטיילנעהמען אין דער צייטונג, פאַרמשפט געוואָרען אויף אַ יאָהר צו זיצען אין דער פאַרבעסערונגס־טיורמע — איז דאָס מאָהל פאַראורטיילט געוואָרען צו אויסלעבען זיינע יאָהרען אויף דער איינביגער קאַטאָרגע *) די איבעריגע מיטאַרבּייטער האָט מען אויך אָנגעטיילט יעדערן מיט געהעריגע טערמינען תפיסה.

דאַמאָלסט איז אויסגעקומען דעם יודישען אַרבּייטער אָפּצוזאָגען זיך פונ׳ם רעיון צו האָבען אַנ׳איינענע פּרעסע. דערפאַר אָבער האָבען זיי זיך מיט מעהר ענערגיע גענומען צונויפצושטעלען, צוריק צו בויען, די חרוב געוואָרענע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, און צו שאַפען הילף אין שטיצע פאַר די אַרבּייטס־לאָזע.

פאַרשטעהט זיך, אַז ניט אַזוי לייכט איז עס געווען צו דערגרייכען דעם ציעל; ווייל איצט אין אַנדערע לענדער, מיט ברייט ענטוויקעלטע אַרבּייטער־אָרגאַניזאַציעס, איז דער פּראָלעטאַריאַט ניט געווען צוגעגרייט צו דער אלוועלט־ליכער קאַטאַסטראָפע — איז דער פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינא, וועלכעס פאַר־שטענדליך, מיט זיין שוואַכער אַרבּייטער פּאַרטיי, לחלוטין ניט צוגעגרייט געווען.

צו אָרגאַניזירען די הילפס־טעטיגקייט וואָלט געווען נאָך שווערער, ווען ס׳קומט ניט צו הילף דער פּאַלעסטינער אַרבּייטער־פאָנד, וואָס איז אין 1909 בעשאַפען געוואָרען דורך די קרעפטען פונ׳ם אלוועלטליכען יודישען סאָציאַליס־טישען פערבאַנד; אין מאָמענט פונ׳ם שאַרפסטען קריזיס און אלגעמיינעם חורבן האָט זיך ארויסגעוויזען זיין וואוילווירקענדע ראָליע, און זיין גרויסע אָרגאַניזאַ־ציאָנס־ווירקזאַמקייט. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס ביוראָ פונ׳ם פּאַלעסטינישען אַרבּיי־טער־פאָנד אין יפו איז אינגיכען געוואָרען דער צענטראַלער אָרגאַן פון אלע מעשים און התחלות פון די יודישע אַרבּייטער.

די ערשטע צייט — מחמת דעם, וואָס געלד־מיטלען האָבען אויפגעהערט צו ציפליסען פון אייראָפּע — איז דאָס ביוראָ געווען שטאַרק געענגט און בעשרענקט אין איהר הילפס־טעטיגקייט, דעריבער האָט זיך דאָס ביוראָ געמוזט בעגרעניצען מיט שאַפען אַרבּייט, ארויסגעבען אויסקונפטס־ידיעות, און מיט דער אָרגאַניזאַציע פון אַרבּייטער ארטעלען, בכדי אויסצופיהלען אַ רייהע אמעליאָראַ־

*) זרובבל איז אנטלאָפען, און געפינט זיך איצטער אין אמעריקע.

ציאָנס=ארבייטען (אויסער ערד באארבייטונג מלאכות) וועלכע זיינען אָרגאניזירט געווארן פונ'ם יודישען נאציאָנאל=פאָנד און דעם אמעריקאנישען הילף=קאָמיטעט. שפּעטער ערשט, ווען שטיצע איז אנגעקומען פון אמעריקע, איז דאס ביוראָ אין שטאנד געווען צו העלפען מיט קרעדיט די ארבייטער איינצוקויפען רויהע מאטעריאלען און אינסטרומענטען. אין דער זעלבער צייט האט דאס ביורא אויך מיטגעהאָלפען אין די שטעדט מיט דער הילף פון קוואליפיצירטע ארבייטער צו אָרגאניזירען קאָאָפּעראטיוון מיט דעם צוועק אויסצופיהרען געזעלשאפטליכע און פּריוואטע ארבייטען, פּריוואטע אויפגאבען, צוזאמען מיט דער הילף פונ'ם פּאלעסטינישען ארבייטער=פאָנד, פון די ארבייטער=קלובען און די פּראָפעסיאָנעלע פערבאנדען איז געלונגען אין פארשידענע שטעדט צו אָרגאניזירען לייה=אין=שפּאָר=קאסעס, צו וועלכע עס קענען זיך ווענדען די ארבייטער=עלעמענטען, וועגען שטיצע=אָנגעלעגענהייטען. א חוץ דעם האָט דאָס ביוראָ אויסגעהאָלפען איינינע קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציעס, אסיגנירענדיג פאר זיי בעשטימטע סומען געלד, אלס משכנות, און טיילוויז—מיט'ן נעהמען אויף זיך די אחריות פאר די דאָזיגע קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציעס אין די קרעדיט=אנשטאלטען.

פיעל ענערגיע האָבען אגיך ארויסגעוויזען די לאנד=ווירטשאפטליכע קאָאָפּעראטיוון פון די ארבייטער=דערפלאך: מרחביה, דגניה א. א. וו. וועלכע האָבען צוגעשטעלט אין די שטעדט ברויט, גרינס, קרייטעכער, מילך, און—וואָס האָבען אויך מיטגעווירקט אויף אזא אופן צו דערלייכטערן די נויט=בעדערפּנישען אין די לעבענסמיטלען, און דער יקרות זאָל געלינדערט ווערען.

אגב אורהא האָבען די ארבייטער=קאָאָפּעדאטיוו'ן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין די קאָלאָניעס, גענומען אויף זיך—לויט'ן אבמאך מיט די בעלי הבתים פון די פּלאנטאציעס—אכטונג צו געבען אויף די גערטענער און די באיארעס.

א חוץ די פּראָדוצירענדע און ערד=ארבייטער=חברות זענען דורך די ארבייטער אין די שטעדט און קאָלאָניעס אָרגאניזירט געוואָרען פיעל געברויכס=קאָאָפּעראטיוען מיט דער הילף פונ'ם פּאלעסטינער ארבייטער=פאָנד. אין ירושלים, יפו, חיפה און אנדערע שטעדט ווי אויך אין פיעל קאָלאָניעס זענען איינגעאָרדעט געוואָרען ארבייטער=קיכען, קאָאָפּעראטיווע בעקערייען, וועשערייען מיט נאָרמאלער גלייכמעסיגער ארבייטס=פּאָרטיילונג צווישען די אָנטיילנעהמער; צו דער ארבייט זענען צוגעצויגען געוואָרען די ארבייטסלאזע. די ארבייטערינס האָבען זיך חוץ דעם אָרגאניזירט אין קליינע פּראדוצירענדע חברות מיט דעם צוועק צו פלאנצען גרינסן.

אויף אזא אופן זענען דערגרייכט געווארען צוויי ציעלען: ערשטענס, איז קלענער געווארען די ארבייטס־לאָזיגקייט, און צווייטענס—איז שוואכער געווארען דער יקרות אויף דיא נויטיגסטע לעבענס־פּראדוקטען; דאס אלץ האט ממשות'דיג פארקלענערט דעם קריזיס, און טיילווייז פארבעסערט דעם מצב פונ'ם יודישען ארבייטער.

אין צוזאמענהאנג מיט דיא דערמאהנטע פאקטען, האבען פיעל ארבייטער געמוזט פארלאזען דאס לאנד, נאר דיא איבערגעבליבענע זענען פאר דעם קאמפף, און האלטען זיך שטארק אויף זייערע פּאזיציעס, ניט קוקענדיג אויף די אויסערליכע שווערע פּאליטישע און עקאנאמישע בעדינגונגען. צוויי יאהר פיהרען זייא ענערגיש א קאמפף, א קאמפף אויף צוויי פראנטען, פארטיידיגענדיג די אינטערעסען פונ'ם יודישען ארבייטער, און דאס רעכט פון דיא ברייטע מאסען פונ'ם יודישען פאלק אריינצואוואנדערן אין פּאלעסטינע.

מיר האבען געהאלטען פאר נויטיג צו בעקאנען דעם לעזער מיט דעם קאמפף, און מיט די האפענונגען פון ד' יודישע ארבייטער אין פאלעסטינע. און מיט דער טעטיגקייט פון דעם פאלעסטינער־ארבייטער־פאָנד, וועלכער איז—פאר זיך אליין—אַ סימן פון פּראלעטארישער סאלידאריטעט ביי די יודישע ארבייטער פון אלע לענדער.

ביי דער ענדע פונ'ם ארטיקעל, וואלטען מיר וועלען ארויסזאגען אונזער טיעפע אנערקענונג, דעם קליינעם אין צאָהל, נאר שטארקען מיט זיין ענטשלאסענהייט פונ'ם יודישען אוואנגארד, וואס פארלאזט ניט זיינע פּאזיציעס, האלט הויך די פאהן פון קלאסען־קאמפף, אינ'ם נאָמען פונ'ם שטראהלענדען אידעאל פון אלוועלטליכען פּראלעטאריאט.

**פרייז 15 קאפּ.**